STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11235

DOS LETSTE GEZEML

M. M. Shaffir

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס לעצטע געזעמל

מ. מ. שאַפיר

פונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940

איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963

אויף מייַן פידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966

דער שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968

אַ רגע דאַכטעניש (לידער) מאָנטרעאַל, 1969

בורא־מיני־חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971

מיט דער לידער־טאָרבע (לידער) מאָנטרעאַל 1973

אין מייַן געפאַלנקייט (לידער), ניו־יארק, 1975

מיט צוגענייגטע רייד (לידער) ניו־יאָרק 1977

די פלייט פון מייַנע ביינער (לידער), מאָנטרעאַל, 1978

די ליפּן פון מייַן טרויער (לידער), מאָנטרעאַל, 1979

פיר איילן עלנטקייט (לידער), מאָנטרעאַל, 1980

אַ רגע רו געפינעם (לידער) 1981

בייַ דער חלום־מולטער (לידער) 1983

אונטער דער שטערן־חופּה (לידער), מאָנטרעאַל 1984

איך דאַנק דיר (לידער) מאָנטרעאַל 1985

טראָפּנס טרייסט אין דער בידע (לידער) מאָנטרעאַל 1987

דאס לעצטע געזעמל (לידער) מאָנטרעאַל, 1988

מ. מ. שאַפּיר

דאס לעצטע געזעמל

(א מתנה מיין ברודער גדליהו
א לעבן אויף זיין קאפ)

די טאטע מאמע מיינע:
מיין טאטע חיים יונתן,
וואס ער האט אין מיר איינגעפלאנצט
די ליבשאפט צום ספר,
די מאמע מיינע מרים
וואס פון אירע ליפן האב איך
אראָפּגעקושט די ליבשאפט
צו מיין שפּראך

מאָנטרעאַל 1988

M.M. Shaffir

Dos Letsteh Geseml

(The Final Collection)

Poems, Montreal, 1988

Dedicated to my brother,
Gedaliah Schachter

●

Printed by:
ADLER PRINTING & LITHOGRAPHING REG'D.
4255 De Courtrai
Montreal, Quebec H3S 1B8

קיין הספד נישט, און נישט קיין שלושים,
קיין יארצייט — אָוונט אויבעט נישט.
געגנוג, אויב ווער ס׳האָט ביי מיין לעבן
א שטילע טרער מיר אפגעווישט.

●

צו מיין חרוב שטעטל

לייגטס מיך מיטן פנים צו מיין חרוב שטעטל
ווּ די עדה יידן ליגט נאָך אָן אַ שטיין,
וועל איך זען, ווי נאכטצייט קומט, א גרויע טויב,
און זעצט זיך רוען לעם אן אָפּגעדעקטן ביין.

און זי נעמט דעם ביין אין אירע גראָע פליגל
און פארוויגט אים מיט געוואָרקע און געוויין,
ווי מע וויגט אן עופעלע, אַן ערשט געבוירנם,
וואָס איז ווי זיין ערשטער טרערן טראָפּן ריין.

"וויי" ווי האָב איך דערלאָזט עס צון אזא הריגה?
ווי זאָל איך עס ווערט זיין איצט אריינצוגיין
און זיך לייגן אונעם אפגעדעקטן קבר
אַש, און שטיקער ביין, צו ווערן אויך אליין.

און זי גיט אַ קוש און גיט א טוליע
כ׳וועל דיך מער שוין קיינמאל נישט פארלאָזן מיין
חוץ דער טויב, דער גרויער קומט שוין, וויי, נישט קיינער
קיינער נישט צום קבר פון מיין שטעטל מיין...

בין איך דער קיניג?

בין איך דער קיניג וואָס מ׳האָט אים די אויגן אויסגעשטאָכן?
די אוצרות מיינע וואלגערן זיך אויפן ווינט,
די ווענט אין פאלאץ גליווערן צעלאמעט און צעבראָכן,
און אין די פוסטע הויפן ניוכען הינט.

די גאסן שטרויכלען מיך און פּלאָנטערן זיך ווי א פּלאָנטער
אפילו אויפן האלדז איז מיר פארלייגט א שטריק
דורך אלע שטאָט צעטומלעניש גייט מיט מיר און בלאנקעט
דער מילדער שטיין געוואלגער וואָס ער הייסט מוזיק.

איך וועל מיך ווי נישט איז דערפרעגן ערגעץ ביין א מקום
אויף איינע פון די שטילסטע ווייטן פון גאָטס וועלטן
וווּ ווינטן דרייען אויס די שיינע קעפּ אויף לייט דערשראָקן,
און ווי פון מידקיט האָט די ערד זיך אָפּגעשטעלט.

כ׳וועל דאָ שוין מער נישט זוכן קיינעם, גאָרנישט וועלן זאָגן
איך האָב שוין סייווי כ׳ווייס לאנג קיין פריינד נישט מער,
איך וועל נאָר דאנקען שטום, וואס ס׳האָט מיך ביז אהער
דערטראָגן
דורך אלע מיינע וואָגלענישן ביז אהער.

געפּלאַפּל וועגן גאָט

גאָט איז אומעטום פאַראַנען —
ער איז אויך געווען אין אָפּגרונד פון מײַדאַנעק,
און ס׳איז וואָר אַז אַלצדינג זעט ער —
אויכעט אין טערעזיענשטאָט די נאַרע ברעטער.

און אין אוישוויץ און אין דאַכאַוי,
נישט ער דרימלט, נישט ער שלאָפט, נאָר אייביק וואַכט ער.
קען דען זײַן ער איז געשלאָפן
ווען די בליצנבראָכן האָבן זיך געטראָפן?

וואָלט ניסתר דאָרט געזעסן
וואָלט ער פונעם גזלנס האַנט געכאַפּט דאָס מעסער
און זײַן פינצטער האַרץ צעשניטן,
און, געוואַלד — אַזוי פיל פּײַן פון אונדז פאַרמיטן.

אָבער גאָט געווען אַליין דאָרט —
האָבן די רציחות אים אַזוי פאַרשטיינערט,
אַז אַפילו מיט קיין פינגער
די גסיסה — פּײַנען נישט געמאַכט דאָרט גרינגער
וויפיל מ׳האָט געפרעגט — ביז וואַנען?
האָט ער נישט געהערט, געזען, און נישט פאַרשטאַנען.

וויפל אזעלכע ווי דו

דו האלטסט שוין אין דיינע אָרעמס אייניקלעך,
נאָר דו ביסט אלץ נאָך ווי א בוים צעבליט
איך קוק און שעפּ מיט דיר אינאיינעם נחת,
נאָר עפּעס ברענט אין מיר און עפּעס בריט.

אזוינע מיידלעך קומענדיקע מאמעס
וואָס וואָלטן איצט געטראָגן אויף די הענט
די פרוכט פון זייערע צעבליטע לייבער.
אוי וויפל האָט עס דער דייטשוק פארלענדט?

די שטילע אויגן, ליכטיקדיקע צורות,
ווי האָט ער זיי פארלאָשן אָפּגעמעקט?
זאָל קומען ווער און אָפּמעקן זיין זֵכר
אינאיינעם אויך מיט זיינע צלם העק.

נישטאָ נאָך אין דער שפּראַך אזא מין קללה
און צווישן אלע סמים אזא סם.
ביַי זייַנע שווּעלן לעשן זיי זיך ביידע
אז אויסגעוואָרצלט ווערן זאָל זיין שטאַם.

אפשר קענסטו עמעצן?

אפשר קענסטו עמעצן, וואָס ער זאָל קענען עמעצן
וואָס זאָל מיר קענען זאָגן, ווו אַהין אזוינס די יאָרן יאָגן
די ערד נעמט צו די פלאָגן, די וועלענישן דיינע פליען אוועק
דיינע קלעמענישן אלע.

ווי פון זיך נעמט בייגן זיך דער רוקן
אַז דו זאָלסט זיך אויף דער ערד פארקוקן
זי איז אויבעט גרייט אריינצונעמען
דיינע ווייטאָגן און דיינע קלעמען.

זיין וועט דעמאָלט צווישן טאָג און נאַכט
די לבנה וועט זיך האלדזן מיט דער זון, און
אלץ וואָס ס'האָט זיך מיר אין חלום ווען געדאכט —
וועל איך זען, אז כ'האָב עס לאנג, שוין לאַנג געפונען
און כ'וועל צו מיר זאגן...
סאַראַ נאַר ביסטו — אָט האָסטו דאָך די רו.

וואָס באַהאַלטסטו דיך צו...

צו גאָר שעמסט דיך? שעמען זאָל זיך דער וואָס שלאָגט דיך.
האָסט אפילו שוין אַמאָל גערעדט מיט בייזקייט?
די רשָעים שעמען זיך דאָך נישט מיט זייער רישעות.

ניין זיי גייען גאָר ארום די קעפּ פאַריסן
נישט זיי שעמען זיך, אין ניט זיי האָבן מורא —
איבער זיי איז גאר קיין העכערס שוין נישטאָ.

איך האָב נישט געזען ביי דיר קיין מינסטע שלעכטסן
און ס׳איז שוין אזויפיל יאָרן וואס איך קען דיך.
כ׳האָב געזען די פּלאָגן ווילן דיך צעברעכן
נאָר זיי זענען בכח דיך פארלענדן.

און נישטאָ ביי דיר קיין בייזקייט אויפן פּנים
און די ליפּן מיט די ציינער־נישט פארקלעמטע —
פאלט דיר גארנישט איין ביי עמעצן צו מאָנען?
זאָג מיר, זאָג, וואָס קומט עס מיר אזא פארשעמטקייט?

גיי ארויס אין פעלד ווו ס׳איז דער הימל אָפן
ווו סע פּענטען אים נישט מער קיין מויערן קייטן —
אפשר עפנט זיך דיר דאָרט דיין קוואל פון האָפן
אפשר קענסטו דאָרטן אויסרעווען דיין ווייטיק.

רייס דאָרט אויף דעם טייך פון דיינע שטומע טרערן
און פארגיס פון זיי צוויי פולע הייסע זשמעניעס —
הייב זיי צו דער הייך — קען זיין קען זיין ס׳וועט ווער דערהערן
און וועט צוקומען צו דיר, דיך איינצונעמען.

** זעלמא מערינגער־אייזונגער

צורה לעבטיקע, צו ווען מען האָסטו אויפגעהויבן דיינע הענט
און זיך געבעטן „כ׳וויל ניט שטארבן"
און זיך דערבעטן נישט געקענט — נישט ביי גאָט
און אויך נישט ביי זיין ניבזהדיקן אנטיפּאָט?

וועמעס שטיוול האָט צעפּלעט דיין טרערן זאַטע באק?
און ווער האָט דיר די קעפּ פון דיינע טויבן אָפּגעהאַקט?
אוי געוואלד, געוואלד גאָט!
דיין לעצט אָטעמדיקע תפילה איז געבליבן נישט דערהערט.

ביי ווען מען האָסטו דיך געבעטן: „כוויל שטארבן"
ביי גאָט, צי ביי זיין ניבזהדיקן אנטיפּאָט־ביים רחמימדיקן גאָט
אלץ איינס — זיי האָבן דיין לעצט אָטעמדיקע תפילה נישט
דערהערט
איצט ליגסטו ערגעץ אין טראַנסניסטריעס ערד.

קיינער ווייסט נישט ווו סאיז דיין געביין, דו צורה לעבטיקע.
נאכטצייט קומען פלאטערלעך מיט אָפּגעזענקטע פליגלען
און זיי לייגן זיך אַראָפּ צו דיר, אויף אויסצוגיין.
און א סאָלאָוויי, אויף א ווערבע צווייג אין שכנות,
וויל עפּעס פארציען, נאָר דער האלדז איז אים צעריסן
און ער טוט אים וויי...

(** יונגע טשערנאָוויצער דייטש־יידישע דיכטערין
אומגעקומען איך טראַנסניסטריע)

טשידע

ערגעץ דעמאָלט, ערגעץ דאָרט
איז געווען אַ שטעטל — טשידע —
שלאָג איך אָן אַמאָל אַהין
מיט מיין טאָרבעלע מיט לידער.

און איך שטעל אַוועק אַ טיש
אויפן מאַרק, אין סאַמע מיטן,
(כ׳ווייס נישט אינעם חלום, אַז
מ׳האָט מיין שטעטעלע פאַרשניטן).

כ׳האָב צעוואָלגערט אויפן טיש
אַלע מיינע לידער סאַמע —
דאַרף מען צוגיין טון אַ קוק
וואָס סע טוט אין שטוב די מאַמע.

צי ראָשטשינעט זי אויף ברויט
צי מאַרעזשעט זי אַ זאָק גאָר —
ס׳גייט זיך מיר אין חלום גרינג,
ווי ס׳וואָלט גאָרנישט מיך געשראָקן.

נאָר וואָס נענטער איך קום צו
צו דער שטוב, אַלץ ווערט מיר קלערער,
אַז די מאַמע איז דאָ נישטאָ,
און זי׳ט דאָ נישט זיין שוין מערער.

נעמען ציען מיך די טריט,
די געטרייע, צום בית עולם —
(כ׳ווייס נישט אינעם חלום, אַז
מ׳האָט מיין שטעטל אויסגעקוילעט).

אין אַ רגע בין איך דאָרט —
פון מצבות — נישט קיין זכר,
נאָר ווי ווייט דאָס אויג קען זען,
גרינע קאָרנפעלדער, ווייכע.

בין איך באַלד צוריק אין מאַרק
איז אויך דאָרט שוין גאָרנישט דאָ מער —
איך נאָר דריי זיך דאָרט אַרום,
אַ געפּענטעטער, אַ לאָמער.

אין אַ נישט טיפער טיף
ליגט מיין שטעטעלעס געביין, און
נישט קיין ווערבע ווייט און ברייט
אויף דעם חורבן צו באַוויינען.

דאָ האָט ווער דערלאַנגט אַ סוויסטש —
האָט אַ קלויסטער זיך צעפּלאָשעט
און ביים ערשטן צווייטן הילך
האָט מיין שלאָף זיך אויסגעלאָשן.

דער שטומער בעטלער

ערגעץ פון דער ווייט פון מיינע קינדער יאָרן
גייט מיר נאָך א יונגער בעטלער ווין א חלום
וואָס גערופן האָט מען אים דער שטומער בעטלער
(וואָס מ׳האָט מיר דערציילט, פארשרייבט זיך מיר אלץ טיפער
אויף די טאָוולען פון מיין הארץ, און לאָזט נישט רוען)
עטלעכענע מאָל אַ יאָר טער זיך באוויזן
ווי געקומען אָנגעפלויגן אויף דער קוליע
וואָס איז ווי ארויסגעוואקסן פון זיין פאכווע
אז ער פלעג אריין צו אונדז, סי סיי צו ווענען,
פלעג ער עפענען די טיר אָט ווי א גנב
מע דערזעט אים אז ער איז שוין אינעווייניק
״ער איז שטום״ נאָר איינמאל האָט מען זיך געסודעט
איידער ער האָט זיך צום לעצטן מאָל באוויזן
ערגעץ אין א שטאָט אין צווייטן עק מדינה
האָט ער אויף א מינוט דאָס מויל געעפנט
און א שושקע עמעצן און אויער
אז מע שמועסט שוין אין דער גאנצער געגנט
אז אין גיכן וועט אַראָפּ א פייער רעגן
און די גאנצע וועלט פארפלייצן, און א סימן
האָט ער אויף דערויף געגעבן — ווי ס׳ווערט נאָר פינצטער
קען מען זען א פייער בעזעם אויפן הימל
און ער רירט זיך נישט פון אָרט ביז ס׳ווערט נישט ליכטיק
עפעס פלעג ער אין א שטוב אריין — דערציילט מען —
אָבער טאקע נאָר להבדיל ווי א גנב
ווי א גזלן וואָס ער קומט נאָך דער נשמה
אז ער פלעג אריין צון אונדז צי סיי צו ווענען
פלעג ער געבן זיך א שאַר אריין, להבדיל

טאקע ווי א גנב אָדער ווי א גזלן
וואָס ער קומט נאָך גאָרנישט, נאָר נאָך דער נשמה
קיין "גוט מאָרגן" וואָס וויל מען פון א שטומען
"מה שמך" אין "פון וואנען"? נאָר ס'העלפט נישט
עטלעכענע מאָל א יאָר פלעג ער זיך ווייזן
ווי געקומען אָנגעפלויגן אויף דער קוליע
וואָס איז ווי ארויסגעוואקסן פון זיין פּאכווע.
זעט מען אז ער ווייזט זיך נישט, מסתמא עפּעס
דאָרט חלילה — און מע רעדט נישט מער דערוועגן
ווייזן ווייזט זיך יא אַ ייד — און מיט א שמועה,
אז דער בעטלער איז שוין טאקע מער נישטאָ
אָבער אין א צענטן דאָרף האָט מען אים יאָ געזען
און ער זאָל האָבן אויף א ווייל דאָס מויל געעפנט
טאַקע אויף א ווייל, נישט מער — ארויסצושטאמלען,
אז אין גיכן וועט מען זען א פייער בעזעם וועט משיח קומען
און דער יונגער בעטלער האָט צוריק פאַרהאַקט דאָס מויל
און ער איז נישט געוואָרן.

ווי די רוצחים

ווי די רוצחים שארן זיי זיך ביי די ווענט,
און באהאלטן עפּעס און די רעכטע הענט.
ווען מען ווילן זיי באפאלן? קיינעם נישט,
נאָר די קעפּ טעלעפּען זיך אין ציטערניש.

לאָמיר לויפן פון די בבל — שטעט צעמענט —
די מגפה טליקעט אונדז און זי פארלענדט,
קומען אין א מדבר זיי, וואָס פול מיט שטיין
און זיי גראָבן היילן אינעם זאמד אריין.

נאר די חיות צאמען אָפּ דעם דזשונגלוואלד
און זיי לאָזן נישט אריין די מענטשגעשטאלט
פריער, גאָטס פארשאָלטענע פון מענטשן לאנד
שניידט זיך איינס דעם צווייטן אָפּ די רעכטע האנט.

אפשר גאָר אנטלויפן אין א דזשונגל, וווּ
נישט קיין ווינט און נישט קיין זונליכט קומען צו
די מגיפה האָט זיי באלד שוין אָנגעיאָגט
און ס׳איז א צעמישעניש פון נאכט און טאָג.

גיט די זון א שפּאַן און כאַפּט זיך באַלד צוריק
ווי ס׳זאָל עמעצער זי האלטן אויף א שטריק
די לבנה ליגט ווי א געשאָכטן קאלב
וואס דער האלדז איז איינגעשניטן נאָר אויף האַלב

רינט דערפון א טייכל בלוט און גליווערט באלד
ווין א די וואָלקן־רינווע, ווין א שפאלט
האָבן זיי זיך צון א וואָלקן קוים דערשלעפּט
ווו צענויפגעוואקסן זענען ביימערקעפּ.

ווי די פּעלעבעס פון וויסטע ריזנלייט
וואָס זיי בייסן זיך נאָך אלץ זינט אָנהייב צייט
און זיי יאָגן פאר זיך ווילד א ווילד געשריי —
אַזש די מדבר־וויסט דערשרעקט זיך באלד פאר זיי.

און די פּנימער צעקרימט פון פּיין
וואָס דער דזשונגל לאָזט זיי צוריק ארײַן
און עפּעס באַהאלט די רעבטע האנט
ווי זיי זאָלן גיין אומברענגען א לאנד

ווי די רוצחים שארן זיי זיך ביי די ווענט
און באהאלטן עפּעס אין די רעבטע הענט
ועמען ווילן זיי באפאלן? קיינעם נישט
נאָר די קעפּ טעלעפּען זיך אין ציטערניש.

מאַכט מיר נישט קיין וואַרע

מאכט מיר נישט קיין ווארע
איך בין עס ניט ווערט
לאָזט מיך ווי סע לאָזט זיך
דורכשפּאַנען די ערד.

הונדערט מיילן קנאפּער
הונדערט מיילן מער
וואָס איך האָב באוויזן
דורך די אלע יאָר?

(— פון בורשטין א קעמל
קעמט מיר גראָ די האָר)
קיינעם נישט געזידלט
צו באעוולהט גאָר.

ווער באדארף עס ווארעס?
איך וועל מיך באגיין.
זאָל נאָר כאָטש איין אות מיינס
אויסגעכתיבהט שטיין
ווי אין יידיש קודש,
און זאָל לייכטן ריין.

צו איך האָב השגות
איינע — אוי, ווי כ׳וויל
כאָטש איינס אָן אות מיינס
זאָל מען כתיבהן שטיל
אין מיין אומהס ספר
אינעם יידיש גבול.

טאָמער האָט די שיינקייט
מיך אמאָל געגאַרט
און זי האט די גוטסקייט
פון מיר אָפּגעשאַרט —
זאָל מען מיר באַצאָלן
איצטער פאר דערפאר.

אָט אזוי מיר דאכט זיך,
אָבער מ׳איז פארבלענדט.
אפשר דעקן קללות
מיינע דינע ווענט
און אז איך פארמאָג נישט
גאָר קיין ריינע הענט.

בעט איך איצט מחילה
ביי די גוטע פריינד
זאָלן נאָר די שונאים
אונדזערע אריין
ווין א תהום, א טיפן,
גאטעניו נאָך היינט.

האָט דען נישט נסיונות
איטלעכע מינוט?
אין איך בין באשאפן
נאָר פון פלייש און בלוט.
בלויז א רשע ריטשעט
אז ער טוט נאָר גוט.

און ביים בית דין־צדק
וועל איך טענהן איינס:
מיר געווען צום הארצן
אלץ וואָס גוט און שיין
ס׳האָט מיך נישט געצויגן
שיינקייט בלויז אליין.

נאָר צום בית דין צדק
איז מסתמא נאָך ווייט
וועל איך מוזן וואַרטן
ביז סע קומט מיין צייט —
הערט זשע מיך דערווייַלע
פריינד און גוטע לייט.

פאַרוואָס

די בייזע שעה, די שיינע רגע —
אַן אייביקדיקער אויסגעמיש
פאַרוואָס זאָל מען נישט קענען זאָגן:
צו זלידנע שעה, פארהאלט דיך נישט.

די בייזע שעה קומט אומגעבעטן —
זי פאלט אויף דיר מיט שטיינער אָן.
דער בוים וואָס דארף דיך היטן בייגט זיך
און ס׳פאלן פון אים שפּאָן נאָך שפּאָן.

כאַפּסט אָן דעם מענטש ביים סאַמע נפש
אָט ווי מיט קלעשטשיעס, קאלט און ווילד
דאָס הארץ קאָכט ווי א טאָפּ זיך איבער
די צונג פארגייט אין שטומער שטיל.

פאַרהאן אזויפיל וועלט רשעים
האָב איך געזינדיקט מער פון זיי
די בייזע שעה איז טויב די זלידנע
זי מעסט מיר מעסטלעך ווינד און ווי.

דער ליבער גאסט די שיינע רגע —
אָט איז זי דאָ, אין אָט נישטאָ —
איך וויל איר זאָגן: הארציג מיך נאָך
כאָטש עטלעכענע לאנגע שעה —

די שיינע רגע אָבער איילט זיך
זי האָט אַ סך אזוי ווי איך
זי רירט מיר אָן די בלויע ליפּן
און זי געזעגנט זיך מיט מיר.

איך רעד און שעפּטשע ווין א חלל
דאָס קול מיינס טראָגט אוועק דער ווינט
וועל איך אַמאָל נאָך קענען זאָגן
"געבענטשטע רגע, ניט שווינד".

חיים׳ל באטוויניקאווער

כ׳האב א חבר, חיים׳ל באטוויניקאַווער
חָלומט ער אין טראכט פון מאכן א מאשינדל
וואָס ט׳אייך קענען נעמען קריק אין דער געשיכטע
אויף ווי ווייט איר ווילט פון דאנען און פון הינען.

גיסט א קוועטש קנעפל קענסטו זען ווי יוסף
שטייט אויף פעלדער לעבן שכם אין זאָרג אין גרויסער
זיינע ברידער זוכט ער, נאָר אַלאך זאָגט אים
כ׳האָב געהערט זיי זאָגן, לאמיר גיין קיין דותן.

גיסטו נאָך א קוועטש א קנעפל זעסטו ווייטער —
זעסטו, ווי יעקב לאָמעט נעבעך אויף א שטעקן —
קענסט אויך זען ווי אדם מאכט פאר זיך מיט חוה׳ן
פארטעכער, די נאַקעטקייַטן צו פארדעקן.

אָבער אז דו ווילסט נישט אזוי ווייט פארפליען
קענסטו הערן זמירות ביים לובלינער חוזה
נאָך א קוועטש א קנעפל, זעסטו דעם בעל שם טוב
שלאָפן אָן א קישן, אויף א בידנעם שטרויזאק.

פריער אָבער סעסטו טראָגט ער אָפּ זיין קישן
צון אן אָרעמאן אין קלויז, וואָס ווארפט זיך נעבעך
אויף דער הוילער הארטער באנק — און קען נישט שלאָפן
כאָטש ער שלעפט אויף זיך א בעבעך נאָך א בעבעך.

און דערנאָכדעם זעסטו דעם בעל שם טוב אויפשטיין
צו חצות — אין שטיבל הייבט אָן ליכטיק ווערן.
פון זיין הארציקן באוויינען חורבן ציון
און פון זיינע קלאָרע גליענדיקע טרערן.

יונגער בחור חיים׳ל באטוויניקאָווער
צו דיין טראכטונג ציט מיך איינע נאָר א חטיבה
ווייז מיר נאָך אמאָל מיין שטעטל, טאטע מאמע
לעב מיר אויף די אומגעברענגטע מיינע ליבע.

און מיר זענען אלע קינדער אכט אין איינעם
איידער מע פארפליט אין ארבע פינות עולם
און מע לאָזט די טאטע מאמע ווי אויף הפקר
מיט די פיר פארבליאקעוועטע ווענט די הוילע.

כ׳וויל נאָך איינמאל הערן ווי די מאמע זאגט מיר:
כ׳האָב פאר דיר א ווערטל משהנוניע — טאטע
לאָז זיך פליען ווער ס׳וויל וווהין ער וויל נאָר
איך האָב איינע אן השגה נאָר לעת עתה.

מיין ערשטע נסיעה

ערגעץ דאָרט און ערגעץ דעמאָלט
אין א טריבן אָנהייב ווערסנע
האָב איך צון אַ שטאָט דערבלאנקעט
נאָר איר נאָמען — שוין פארגעסן.

כ׳בין געקומען אין אַ פּאָרטשטאָט
אָנצוהייבן אַ נסיעה
דאָרט און דעמאלט, מיט א גוטע
זיבן צענדליק יאָרן פריער.

אַך א גרויסע שטאָט א פחד!
איטלעכס הויז — א פּופּציק גאָרנס
און ס׳שטייען שיפן גרייטע
אויסגעפּוצטע אויף צו פאָרן.

פון די גרויסע שטעט — די גרעסטע
איך געדענק שוין איצט ניט וויפל
שיפן ס׳האָבן דאָרט געאנקערט
נאָר מסתמא א טויזנט שיפן.

איינע פון דער צווייטער שענער
און מע ווארט, ווייזט אויס, אויף מיר נאָר
די, וואָס כ׳על צון איר א וווּנק טון
נעמט זי באַלד פון אָרט זיך רירן.

בענקענישן ציענישן —
נישט געוווּסט וואָס זיי באַטייטן,
נאָר געוואָלט די הענט צעשפּרייטן
און אַוועק אין אַל די ווייטן.

דאָרט אויף הימל בערגער ערגעץ
בלישטשען אייביקדיקע שנייען —
און איך זיץ ביי מיר אין שטעטל
ווי אַ קוואָקע זיצט אויף אייער.

ערגעץ וויגן זיך דאָרט אינדזלען
אויף די שויסן פון די יַמען —
און איך זיץ ביי מיר אין שטעטל
אונטערן פאַרטעך ביי דער מאַמען.

ערגעץ באָדן צעדער ביימער
זייערע קעפּ אין בלאָע הימלען
וועל איך אייביק אין מיין שטעטל
דאַרפן דומען ווין אַ דרימעל.

כ'האָב געלעבט מיט דער מחשבה —
אַז כ'על ווי ניט איז דערגרייכן
סאַי די טיפסטע טאָלנלענדער
סאַי די לענדער אויף די הייכן.

כ'האָב מיט מיר געהאַט אַ רענדל
מיט חומשים אין מיט ביכלעך
און מיין ציגעלע, מיַין איינציקס
און אַ טאָרבעלע מיט קיכלעך.

כ׳האָב מיין ציגעלע, געדענק איך,
לעם א טייך אַמאָל געפּאַשעט
און געהאַט מיט זיך א חומש
מיטן שיינעם פּירוש רש״י.

כ׳האָב מיך צוגעזעצט א רגע,
און ס׳האָט מיך פאַרוויגט א דרימל
און מיין ציגעלע מיין איינציקס
האָט גענומען פּאַשען הימל.

און אז איך בין אויפגעשטאנען
פון דער דרומדיקער לאנקע
האָט מיין ציגעלע, מיין איינציקס,
נישט געהאט אוועק געבלאנקעט.

נאָר ס׳איז זיך באזאכט געשטאנען
און געקייעט בלעטער חומש
כ׳האָב געזען אז פון די בלעטער
איז געזונט אים צוגעקומען.

פון דער מאמעס ברוסט מיט מילעך
איז מיין ציגעלע געוואָרן —
און סע קומט צו מיר מיט תמימות
מיר פארגרינגערן גאָטס צאָרן.

און זיין הארצעדיק געמעקע
איז מיר טיף אריין אין קול, און
אין מיין בענקעדיקן אומעט
וואַרעמען מיך זיינע וואָלן.

מ׳האָט נביאות מיר געזאָגט, אַז
מיט זיין אָטעם וועל איך לעבן,
און מיט זיין פארבענקטן מעקען

מיינע לידער אָטעם געבן.

כ׳האָב דעם קאפיטאַן געוויזן
אלע מיינע שיפּפּאַפּירן
פרעגט ער: ״וואָסערע באגאזשן
קלערסטו מיט דיר מיטצופירן?״

ווייז איך אים אויף, פארשטייט זיך,
נאָר דאָס ציגעלע פארגעסט נישט
און דערלאנגט א לייכטן מעקע
שוין געוואָלט מסתּמא עסן.

ווערט דער קאפּיטאַן פארציטערט
און ער מאכט צו מיר: ״וואָס הער איך״ —
פירסט מיט דיר א סטאדע שעפּסן,
צי א טשערעדע מיט בערן?

״נו, און פּעטיע מעטיע, ברודער
מזומנים, הייסט עס, האָסטו״?
איך האָב דעמאָלט ניט געטראכט נאָך
פון אזא מין זאַך, אַ פראָסטער.

כ׳האָב צום קאפּיטאן געטענהט
און מיט פּסוקים אים באַוויזן,
אז ס׳איז דאָ א גאָט אין הימל,
און ער קען באַווייזן ניסים.

קען דען נישט אַ מאָל געמאָלט זיין,
אַז א פּריץ זאָל פאַרלירן
אוצרות געלט — און דווקאי דאָרטן
ווו מיין מזל וועט מיך פירן?

אָדער פּשוטער און פּראָסטער:
כ׳קען באגעגענען א יינגל,
וואָס אנטלויפט פון טאטע מאמע
מיט א זעקעלע מיט „קלינגערס״

נאָר דער קאַפּיטאן, דער וויסטער,
שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, און
פונעם גליוועך אויף זיין פּנים
גייט א סקרוך מיר דורך די ביינער.

וועסט באגנבענען אַ „קלויסטער?״
האָט ער, דאכט זיך מיר, געשריגן
כאָטש ער האָט זיך נישט באוויגן,
נאָר אין שטומעניש געשוויגן.

זינט פון דעמאָלט האָב איך מורא
דורכצוגיין פאַרביי א קלויסטער —
אָט וועט זיך א טיר צעפּראַלן,
און ס׳עט עמעץ ווילד ארויסגיין:

און וועט גלייך צו מיר זיך לאָזן
„האָסט עפּעס געשעפּטשעט האָסטו —
שעלטסטו נישט אזוי דעם קלויסטער —
און דו שענדסט אַזוי די האסטיע?״

כ׳האָב דאָס ציגעלע געהאלטן
ביַי די הערנער זיינע דינע,
און איך האָב צון אים געשעפטשעט:
לאמיר, ציגעלע אנטרינען.

זוכסט מסתמא בלוט אויף פסח —
וועט ער מיר אין פנים שרייען —
קום סע ווארט אַ שייטערהויפן,
דיך פון דיינע זינד באפרייען —

ציטערסט ציגעלע? נישט ציטער —
ווייל איך וועל אָן דיר נישט פאָרן —
כ׳על דערנאָך דאָס גאנצע לעבן
מיר פאַרשעלטן מיינע יאָרן.

לויט דעם קאפיטאַן דערקען איך:
די נסיעה אונדז פארשלונגען —
און ווער וויסט, ציט ווער נאָך וועלן
אונדז באַוויינען און באזינגען.

זעסט דאָך, אז ער איז אַן אכזר —
לאָמר טון אויף אים אַ שפיי, און —
מיר׳ן זיך אַראָפּגעלאָזן
אויף דער ערד און זיך פארטייעט —

און געפלויגן און געפלויגן...
אבער אין א רגע, צווייען —
זענען מיר צוריק אין שטעטל
צווישן שטילע שטיבלעכרייען.

דאָ מיין ציגעלע מיין איינציקס,
וועמיר בלייבן, און פון דאַנען
וועל מיר צו געבענקטע ווייטן
ציען, דראַפּען זיך און שפּאנען.

יאָרן שפּעטער האָט א וויכער
העט מיַין שטעטל אויסגעריסן —
פון אזעלכענע חורבָנות
זאָלן מיר שוין מער ניט וויסן.

מאָנטרעאַל 1988